בסיעתא דשמיא

גליון פרדס התורה

פרשת נצבים וילך

תשפ"ו

אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



מאמר הפרשה • סליחות • ימי הרחמים והרצון • טבריא של מעלה




# י"ל ע"י מערכת
# 'פרדס התורה' לכתיבת
# ועריכת שיעורי מורינו
# הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי
ישראל בארץ הקודש, דייני העדה
החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא
בספר 'טבריא של מעלה'
שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

## די גליונות קען מען באקומען
## ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**

ביהמ"ד שומרי שבת

5302 13 Ave.

ביהמ"ד עדת יראים וויען

1350 50 St.

ביהמ"ד הדרת קודש
סוואליווע

4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**

בנין בראך למטה
לאקער #405
Bedford Cor. Park

כתר רזשודעיקא

801 Bedford Ave.

מאורות

218 Wallabout St.

**מאנסי**

ביהמ"ד זוועהיל

101 W Maple Ave.

שיינער'ס שול

18 Forshay Rd.

**קרית יואל**

כתר רזשודעיקא

97 Acres Rd.

**לעיקוואוד**

כתר רזשודעיקא

12 America Ave.

ביהמ"ד סאטמאר

405 Forest Ave.

ביהמ"ד צאנז
קלויזענבורג

25 Havens Ave.

ביהמ"ד בעלזא

44 Grove Springs
Ct.

**טאמס ריווער**

ביהמ"ד קהל בני יששכר

1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**

MB VINEYARD

3012 AVE J

◆ ◆ ◆

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו
הרב שליט"א והגליונות באימייל,
ניתן לפנות:
shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד
באימייל, ניתן לפנות:
pardesgilyones@gmail.com

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי

# פרדס התורה

פרשת נצבים וילך
תשפ"ו
גליון 44

זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן האי שתא אחר קבלת יסודים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.

אידיש

אינעם גליון:

3 מאמר הפרשה
4 סליחות
6 ימי הרחמים והרצון
9 טבריא של מעלה

## מאמר הפרשה

# שבת סליחות

**"אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל. טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ"** (דברים כט, ט-י).

**"שטייטס אויף צו סליחות! שטייטס אויף צו סליחות!"**

דאס איז דער פתגם וואס איז שגור בפי כל כלל ישראל מדורי דורות, ווען דער שמש פלעגט קלאפן אויף די פענסטערס פון די שטיבער: "אידישע קינדער, שטייטס אויף צו סליחות! שטייטס אויף צו סליחות!"

### דער חילוק צווישן "אויפוועקן" און "אויפשטיין"

לכאורה איז דאס א דבר תמוה וואס מען דארף פארשטיין. בעצם וואלט די לשון געדארפט זיין אביסעלע אנדערש, דער פתגם בכל הדורות וואלט געדארפט זיין: **"אידישע קינדער, וועקט'ס ענק אויף צו סליחות!"** ווייל מען וועקט זיך דאך אויף פון שלאף. הגם עס זענען דא אסאך פלעצער וואס מען זאגט סליחות מוצאי שבת באשמורת הראשונה אדער ביי חצות, אבער אין אלגעמיין שטייט פשוט אין שולחן ערוך אז מען זאגט עס באשמורת הבוקר. אויב אזוי, וואלט מען געדארפט זאגן דעם פתגם "**וועקט'ס** ענק אויף צו סליחות", ווייל מען וועקט זיך אויף פון שלאף.

אבער מיר ווייסן אז א פתגם וואס איז רגיל ומורגל בפי כלל ישראל מדורי דורות, איז א באוויז עס איז יסודתו בהררי קודש - און עס קומט אונז לאזן הערן גאר א מורא'דיגע זאך. לאמיר זען וואס עס שטייט דא אין דעם פתגם: "שטייטס אויף צו סליחות!" מען שטייט אויף צו סליחות, מען זאגט נישט "וועקט'ס ענק אויף צו סליחות!".

### שטיין מיט א קומה זקופה פארן אייבערשטן

דער תירוץ אויף דעם איז, ווייל ווען א מענטש קומט צו סליחות איז ער צובראכן און צוקלאפט. אזוי ווי מיר זאגן ביים אנהייב פון די סליחות: "כדלים וכרשים דפקנו דלתיך". מיר זאגן: רבוש"ע, "לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים, מה נאמר, מה נדבר, ומה נצטדק". מען שעמט זיך.

אויב אזוי, **ווי אזוי קען מען אויפשטיין? מיט וואס וועט א מענטש באקומען דעם חיזוק און דעם קוראַזש ער זאל זיך קענען אויפוועקן צו סליחות?**

דער תירוץ איז, מען זאגט נישט פאַר'ן מענטש "**וועק דיך אויף**", נאר מען זאגט אים "**שטיי אויף צו סליחות" - שטיי אויף מיט א תקומה!**

מען זאגט פאר יעדע אידישע נשמה, מען קלאַפט צו איר אויפ'ן פענסטער באשמורת הבוקר, און מען זאגט איר "ויגבה לבו בדרכי השם!

דו ביסט א קינד פונעם אייבערשטן, דו ווילסט אויפשטיין צו סליחות, דו ווילסט זיך אויפוועקן צו סליחות!"

אויב דו ווילסט זיך אויפוועקן, מוזטו הערן די ווערטער פונעם שמש וואס זאגט "**שטיי אויף**". דו מוזט האבן דעם "ויגבה לבו בדרכי השם".

דו מוזט שפירן דעם פסוק וואס מען זאגט דעם שבת פאר ראש השנה, שבת סליחות: "אתם **נצבים** היום כלכם". זאגט **רש"י הק'** אין ספר במדבר (טז, כז): **"נצבים' - נצבים בקומה זקופה"**.

שבת פאר ראש השנה ליינט מען 'אתם נצבים', ווייל היות מען גייט יעצט אויפשטיין צו סליחות און מען גייט זיך אויפוועקן, און יעדער איז צוקלאפט, צוקנאקט און פיל מיט בושה, ליינט מען די פרשה פון 'אתם נצבים' א שבת פארדעם ביי קריאת התורה, כדי צו זאגן פאר יעדן אידיש קינד: שטיי אויף!!! - נישט ח"ו קיין גאווה שפֵילה, נאָר אַן אמת'ע גאווה דקדושה, **"דו ביסט א קינד פונעם אייבערשטן, און דער רבוש"ע ווארט צו הערן דיינע**

תפילות!"

### די תקיפות פון א איד לויט'ן ראפשיצער רב

דער יסוד הדברים וואס מיר האבן געזאגט שטייט פונעם הייליגן **ראפשיצער רב** זי"ע. אין ספר 'רביד הזהב' אויף פרשת נצבים ברענגט ער פון זיין הייליגן רבי'ן, און ער פאנגט אָן דעם מאמר אזוי: **"צריך האדם להיות תקיף בדעתו"** - א מענטש דארף זיין שטארק אין זיין דעת.

ער זאגט דארט: איך האב שוין אסאך מאל נאכגעזאגט פון מיין הייליגן רבי'ן, דער הייליגער ראפשיצער רב, אז דער פסוק זאגט אין ישעי' (מג, כו) "סַפֵּר אַתָּה לְמַעַן תִּצְדָּק". (דער פשוט'ער פשט אינעם פסוק דארט איז, עי"ש פי' 'מצידות דוד' ועוד, אז דער נביא זאגט אז דער רבוש"ע זאגט פאר די אידישע קינדער: "אדרבה, לאמיך הערן וואס דו האסט צו זאגן, לאמיך הערן ווי אזוי דו ווילסט זיך בארעכטיגן, דו קענסט אפילו רעדן ערשט, אדרבה, לאמיר הערן דיינע טענות").

האט דער הייליגער ראפשיצער רב געטייטשט: "סַפֵּר אַתָּה" - **א אידיש קינד דארף כסדר רעדן צום אייבערשטן און זאגן "לְמַעַן תִּצְדָּק", זאגן פאַר'ן רבוש"ע "צדק בדין", איך בין גערעכט! איך בין א איד, איך בין א קינד פונעם אייבערשטן! און ממילא וועט א מענטש** וווערן פיל מיט חיזוק.

פרעגט דער רביד הזהב: ווי אזוי טאקע גייט מען און מען רעדט זיך אויס צום אייבערשטן מיט א תקיפות און מען זאגט "למען תצדק" - רבוש"ע איך בין גערעכט?

זאגט דער רביד הזהב: ווייל יעדע אידיש קינד איז א קינד פונעם אייבערשטן, און ממילא אז ער איז א קינד פונעם אייבערשטן, זאגט ער אזא לשון: **"אפילו מי שהוא שפל בעיני עצמו"**, פונדעסטוועגן, **"יהיה תקיף וחזק בעיני עצמו, ויברך וישבח שהוא בר ישראל"**.

דאס טייטש: א אידיש קינד זאגט, "רבוש"ע, איך קום מיט א שטארקייט". איי, **לכאורה ווייס איך דאך ווי אזוי מיין יאר האט אויסגעקוקט, איך ווייס וויאזוי מיין לערנען, מיין דאווענען און מיין שמירת הלשון האבן אויסגעקוקט?**

"אבער רבוש"ע, איך בין א איד! איך בין מזרע אברהם יצחק ויעקב - איך בין נישט קיין גוי, בנים אתם לה' אלקיכם!" - און ווען איינער קומט מיט דער טענה אז "איך בין א איד, איך בין א קינד פונעם אייבערשטן", דאס דארף אים ארויסנעמען פונעם גרעסטן שאול תחתית און אים אוועקשטעלן אויף דער העכסטער מדרגה.

### פרשת נצבים: יעדער איד איז אַן 'איש ישראל'

ווען דעם לייענט מען פרשת אתם נצבים פאר ראש השנה, דאס איז "**שבת סליחות**", כדי צו געבן חיזוק פאר יעדן אידיש קינד אז ער זאל גיין בקומה זקופה. מיט וואס? זאגט דער פסוק: "רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם..." און מען רעכנט דארט אויס אלע צען דרגות פון כלל ישראל, ביז "חֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ", די נידריגסטע דרגה. (ועי' ב'ליקוטי תורה' פרשת נצבים ונאריך בזה ב'מאמרי ראש השנה' הבעל"ט).

און דער פסוק זאגט: "כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל". מיר ווייסן אז 'איש' איז א לשון חשיבות, און 'ישראל' איז אויך א חשיבות - ישרא"ל איז די אותיות 'לי ראש'. עס איז נישט קיין חילוק צווישן דעם גרעסטן פון כלל ישראל ביזן אונטערשטן פון כלל ישראל, יעדער איינער דארף שטיין בקומה זקופה און זאגן: **איך בין א קינד פונעם אייבערשטן, אן 'איש ישראל'!**

א לעכטיגן שבת! גע'פועל'ט אלעס גוטס! א דערהויבענע סליחות! דער אייבערשטער זאל העלפן אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, אמן!

## סליחות

# די רבוש"ע וואַרט צו הערן דיין זיסע קול!

### מען איז מרבה בתפילה ותחנונים אין די טעג

מיר געפינען זיך יעצט אין די טעג פון חודש אלול, ימי הסליחות, וואס ווערט אנגערופן "ימי רחמים והרצון". דער הייליגער **טור**, אין אנהייב הלכות ראש השנה, שרייבט א מורא'דיגן לשון: **"כל המרבה בתפילה ותחנונים"** - ווער עס מערט יעצט אין תפילה ותחנונים, **"זכות הוא לו"** - עס איז א גרויסער זכות פאר אים.

אחינו בני ישראל הספרדים האבן שוין אנגעהויבן זאגן סליחות גלייך פון אנהייב ראש חודש אלול, וואס דארט זאגט מען די 'י"ג מדות'. די אשכנזים פירן זיך אז גלייך פון ראש חודש אלול זאגט מען "לדוד ה' אורי", וואס דארט געפינט זיך דרייצן מאל דער 'שם הוי"ה' - ווי עס שטייט פונעם הייליגן **חיד"א**, פון **סידור רבי שבתי** ועוד, אז דורך דעם איז מען מעורר די י"ג מדות של רחמים.

אבער בכלליות, בכל תפוצות ישראל איז מען מרבה בתפילה. יעדער האט זיך זיין מנהג ווי אזוי מען לייגט צו קאפיטלעך תהלים נאכן דאווענען, און זיכער ווען מען קומט נענטער צו די ימי הסליחות, ווען גאנץ כלל ישראל

איז מרבה בתפילה ובתחנונים.

## דער קשיא אויפ׳ן מהות התפילה: וואס טוט זיך מיט׳ן מידת הביטחון?

**דא שטעלט זיך א מורא'דיגע קשיא:** א מענטש טראכט ביי זיך, **פארוואס דארף איך אזוי סאך דאווענען?**

בפרט אז יעדן טאג נאכן דאווענען זאגן מיר דאך "אני מאמין", וואס דארט זאגן מיר אז דער רבוש"ע איז דער "בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא עשה ועושה ויעשה לכל המעשים". ביים בענטשן זאגן מיר "הוא היטיב, הוא מטיב, הוא ייטיב לנו" - **דער רבוש"ע איז דאך א טוב ומטיב, אויב אזוי, פארוואס דארף איך בכלל דאווענען?**

די קשיא איז נישט נאָר אויף די טעג פון אלול, נאָר אויף א גאנץ יאר. און אויף דעם זענען דא אסאך תירוצים.

דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע, אין א דרשה פון ז' אדר (שנת תק"ס), ברענגט פונעם **חובת הלבבות** אז לויט די 'פילוסופים' דארף א בעל בטחון טאקע נישט דאווענען. פארוואס? ווייל ער האט בטחון אין אייבערשטן. **ערשטנס**, וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט. און **צווייטנס**, ער פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן אז ער פירט זיין וועלט, פארוואס זאל ער נישט מאכן זיכער אז אלעס קומט אָן אויפ'ן ריכטיגן ארט.

אבער, זאגט דער הייליגער חתם סופר, דאס איז בלויז די דעת הפילוסופים. מיר זענען אבער דאס עם ה' אלקי אברהם, און **מיר האבן מקבל געווען פון די אבות הקדושים אז מען דאַרף יא דאווענען.**

מיר הויבן אָן שמונה עשרה, וואס איז דער עיקר חיוב התפילה, מיט די אבות הקדושים, ווייל מיר ווילן ווייזן אז אפילו עס איז שווער א קשיא: **"איך האב דאך בטחון, אלעס איז לטובה, דער רבוש"ע פירט די וועלט, ווי קום איך דא אריין אינעם בילד?" - דאָך הויבן מיר אן די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה צו ווייזן: ניין! "מראש צורים אראנו", קוק אָן די אבות הקדושים, זיי האבן געהאלטן אין איין דאווענען.**

פרעגט דער הייליגער חתם סופר: **וואס איז טאקע די סיבה? יעדער איד האט דאך אמונה און בטחון, מיר גלייבן אז אלעס איז לטובה און דער רבוש"ע פירט די וועלט, איז וואס האב איך זיך אריינצומישן?**

## דער ביאור פונעם 'חתם סופר' זי"ע: הקב"ה מתאווה לתפילתם של ישראל

זאגט דער הייליגער חתם סופר, וזל"ק: "**כי רוצה בתפילת המתפללים כאב המתפתה בבקשת בנו כביכול**". דער רבוש"ע כביכול האט ליב ווען מען דאווענט, פונקט ווי א טאטע האט ליב ווען זיין קינד בעט זיך ביי אים.

דאס הייסט, א טאטע וויל האבן א קשר מיט זיין קינד, וואס טוט ער? ער נעמט א צוקערל און באהאלט עס אונטער זיך, און דאס קינד לויפט אים נאך און שלעפט אים: "**טאטי, טאטי, געב מיר דאס צוקערל!**" - האט דער טאטע דען נישט געוואלט געבן דאס צוקערל? אוודאי האט ער געוואלט! נאָר פארוואס באהאלט ער עס? **ווייל ער וויל הערן ווי דאס קינד לויפט אים נאך און בעט אים, און דאס וועקט אויף א פרישע אהבה.**

קומט אויס אז 'דאווענען' האט אין זיך צוויי חלקים:

**א.** אז דער טאטע, דער רבוש"ע כביכול, וויל דאס, און האט הנאה דערפון.

**ב.** אז דורך דאווענען וועקט מען אויף א פרישע אהבה. דאס טייטש, אפילו אויב עס איז נגזר געווארן א גזירה, וויבאלד דו האסט צוגעגעבן אהבה דורך דיין דאווענען, ביסטו מבטל די גזירה.

א מענטש האט אפשר נישט אזוי סאך זכותים, אבער וויבאלד דו האסט מעורר געווען אהבה און ביסט געגאנגען בעטן דעם טאטן, האסטו באשאפן א פרישע הולדה של אהבה כביכול ביים אייבערשטן. דעריבער, אפילו אויב מען האט עבירות ח"ו און עס קומט זיך נישט פאר דיר, וועט מען עס דיר יא געבן.

אבער וואס מיר זעען נאך מער פון דעם גאנצן ביאור פונעם הייליגן חתם סופר, איז א מורא'דיגע זאך: אז **דער רבוש"ע, דורך דעם וואס ער ווארט מיר זאלן דאווענען, ווייזט ער אונז ארויס די גרעסטע אהבה און חיזוק.**

דער רבוש"ע זאגט: "**איך וויל דיין תפילה עס איז זייער חשוב און וויכטיג, איך בין אינטערעסירט אין דיין תפילה, דיין חשיבות ביי מיר איז זייער שטארק!**"

## אונזער התחזקות אויף 'למעשה'

מען דאַרף ארויסנעמען פון דעם א שטארקע התחזקות, אז ווען מ'איז מרבה בתפילה, זאל מען נישט טראכטן: "**ווער בין איך צו דאווענען? פארוואס דארף איך דאווענען?**" אדרבה ואדרבה, בעצם וואלט מען טאקע נישט געדאַרפט דאווענען ווייל מען האט בטחון, נאָר מיר דאווענען ווייל דער רבוש"ע וויל הערן אונזער קול, "**הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ כִּי קוֹלֵךְ עָרֵב וּמַרְאֵךְ נָאוֶה**" (שה"ש ב, יד).

דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל ארויסנעמען אין די טעג א מורא'דיגע התחזקות אז דער רבוש"ע זוכט אונזער תפילה:

**א.** ווייל דער רבוש"ע האט הנאה ווען מיר דאווענען צו אים, פונקט ווי א טאטע האט הנאה ווען זיין קינד לויפט אים נאך בעטן א צוקערל.

**ב.** דורך דעם וואס מיר בעטן, וועקן מיר אויף כביכול א פרישע אהבה, וואס דאס פירט צו מבטל זיין גזירות און אלע שלעכטע זאכן, אפילו אויב מיר זענען נישט ראוי דערצו.

**ג.** דאס וואס דער רבוש"ע וואַרט צו הערן אונזער קול, דאס איז די גרעסטע בת קול און נבואה וואס מיר קענען באקומען - **צו וויסן ווי חשוב און טייער מיר זענען, אז דער באשעפער אליין וואַרט אויף אונזער קול!**

**גע'פועל'ט אלעס גוטס!**

# די היצונים ציטערן פון אונזערע פעולות!

**"כל המוסיף לבקש רחמים זכות הוא לו"**

מיר גייען יעצט אריין אין די טעג וואס ווערן אין אלע ספרים הקדושים אנגערופן 'ימי הרחמים והרצון'. דער פירוש פון ימי הרחמים והרצון איז סיי מלעילא מצד כלפי שמיא - דער רבוש"ע, כביכול, איז משפיע רחמים אויף דער וועלט, די י"ג מדות של רחמים, אזוי ווי עס שטייט אין דעם הייליגן **בעל התניא** זי"ע אין 'ליקוטי תורה' (פ' ראה, ופ' נצבים), און פונעם הייליגן **אר"י הק'** (פרשת שופטים), אז עס ווערט אנגערופן ימי הרצון ווייל אידישע קינדער זענען נתרצה געווארן צום אייבערשטן אין די טעג, וויבאלד:

- משה רבינו האט דאס אויס'געפועל'ט ווען ער איז דארט געווען אויבן אין הימל דאס דריטע מאל פאר פערציג טעג און פערציג נעכט מקבל צו זיין די לוחות שניות.
- דעמאלטס איז נתגלה געווארן די י"ג מדות של רחמים, און דער אייבערשטער איז נתרצה געווארן און האט מוחל געווען פאר אידישע קינדער.
- הקב"ה האט געזאגט "סלחתי כדבריך" - אין עס איז נקבע געווארן לדורות די טאג פון יום כיפור לסליחה וכפרה.
- הקב"ה האט מבשר געווען די בשורה טובה אז ער קערט צוריק די הייליגע שכינה בתוכינו, און מען גייט בויען א משכן.
- אזוי אויכעט איז געווען די בשורה טובה אז די ענני הכבוד גייען צוריק קומען ארומנעמען כלל ישראל - וואס איז געשען יו"ט סוכות, כמבואר בדברי **הגר"א** ו**חתם סופר** זי"ע.

דאס איז די סיבה פארוואס די טעג הייסן 'ימי הרחמים והרצון' **כלפי שמיא**.

מצד **האי עלמא** בעולם הזה, פון דא אונטן אויף דער וועלט, ווערט עס אנגערופן 'ימי הרחמים והרצון', טעג וואס מען איז מרבה בתפילה, תשובה, ותיקון המעשים, כדלהלן:

**א.** ווי דער **טור** זאגט (או"ח סי' תקפ"א) אז אין די טעג, **"כל המוסיף לבקש רחמים זכות הוא לו"** - ווערט עס דאווענט מער אין די טעג איז עס א זכות פאר אים. דאס זענען טעג וואס מען איז מוסיף מיט תפילה.

**ב.** די סיבה פארוואס עס הייסט 'ימי רצון' איז ווייל **אין די טעג זענען מיר באוויליגט צום אייבערשטן**. און יעדער קליינע פעולה איז נתרצה במרום, וויבאלד עס ווערט נשפע די י"ג מדות של רחמים למעלה, ווערט יעדע פעולה וואס מיר טוען נתרצה לרצון לפני אדון כל.

**ג.** טעג וואס די תשובה אויף חטאים ווערט אנגענומען אין הימל אויף א מורא'דיגע פארנעם. א גאנץ יאָר איז תשובה די גרעסטע כח, אבער נאך מער אין די טעג פון ראש השנה, עשי"ת, און יום הקדוש. וואס דער הייליגער **רמב"ם** פסק'ענט אין הל' תשובה, **"התשובה מתקבלת ביותר"** - און מען צוררייסט א גזר דין פיל גרינגער ווי א גאנץ יאר.

**ד.** ווי אויך איז מבואר אין **ליקוטי תורה**, **הפלאה**, און **חתם סופר**, געבויעט אויף די **פרקי דרבי אליעזר** - אז גאנץ חודש אלול האט אויך די כח, און במדה מסיומת איז ימי אלול 'ימי הרחמים והרצון' 'ביותר' פון עשי"ת! ווייל דעמאלטס, אין עשרת ימי תשובה, פאנגט זיך שוין אָן ימי 'דין' בצירוף מיט ימי 'הרחמים'. **אבער בימי אלול איז נאָר 'ימי רצון'! נאָר 'ימי רחימים'! בלי שום צירוף 'דין' כלל וכלל!**

בעזה"י וועלן מיר יעצט אריינגיין און זען אויף וואס די ימי הרחמים והרצון זענען געבויט, און מיר וועלן זען א מורא'דיגע זאך און א געוואלדיגע התחזקות.

**דער געוואלדיגער כח פון א פעולה קטנה: תקיעת שופר במדבר**

דער הייליגער **בעל התניא** זי"ע אין 'ליקוטי תורה' פרעגט די שאלה: **לויט ווי מיר האבן יעצט געזאגט איבער די געוואלדיגע התעוררות פון די ימי רחמים והצון אין חודש אלול, און די אלע געוואלדיגע מדריגות וואס מיר האבן זוכה געווען אין דעם חודש, וואלט דאך גאנץ חודש אלול געדארפט זיין א יום טוב! אזוי הויך זענען דאך די דאזיגע טעג?!**

לאמיר אביסל אריינגיין אין דעם ענין.

דער **טור** (שם) ברענגט אראפ א **פרקי דרבי אליעזר** וואו עס שטייט אזוי: ראש חודש אלול האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו "עֲלֵה אֵלַי הָהָרָה" (שמות כב, יד), קום ארויף צו מיר, און דעמאלטס "העבירו שופר במחנה, משה עלה להר". אידישע קינדער האבן געבלאזן שופר ווען משה רבינו איז ארויף אויבן אין הימל.

עס שטייט אין **רוקח** (סימן ר"ז) אז נישט נאָר דעמאלטס, נאָר א גאנץ חודש אלול האט מען געבלאזן שופר, דער רוקח שרייבט אז אידישע קינדער אין מדבר האבן געבלאזן שופר במשך די גאנצע פערציג טעג, פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור.

עכ"פ, אידישע קינדער האבן דעמאלטס געטון א פעולה. וואס האבן זיי געטון? זיי האבן געבלאזן שופר.

יעצט, פאר מיר גייען ווייטער,

לאמיר זיך דא אפשטעלן און פרעגן א שאלה:

**איז דען געווען א חיוב צו בלאזן שופר ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל?** ניין, עס איז נישט געווען קיין שום חיוב.

**איז עס א מצות עשה?** ניין, עס איז נישט קיין מצות עשה.

**נאָר וואס?** אידישע קינדער האבן מרצונם הטוב, מיט זייער אייגענעם רצון, געבלאזן שופר אלס א סימן מען זאל זיך נישט נאכאמאל טועה זיין אין דעם חשבון.

זיי האבן געוואוסט אז דאס לעצטע מאל, ווייל זיי האבן זיך טועה געווען אין דעם חשבון, האט עס געברענגט דעם געוואלדיגן חטא פון עבודה זרה, דעריבער האבן זיי דאס מאל געמאכט א סימן און געבלאזן שופר.

לאמיר פרעגן נאך א שאלה. דער שופר וואס זיי האבן געבלאזן, ווי מיר האבן יעצט געשמועסט, איז נישט געווען קיין חיוב און נישט קיין מצוה, זיי האבן עס געטון מרצונם הטוב. לאמיר פארשטיין, **ווי שווער עס איז צו בלאזן שופר איז דאס בכלל א שווערע זאך?**

יעדער ווייסט אז בלאזן שופר קענען אפילו קליינע קינדער קענען בלאזן שופר! (-כמובן נישט כהלכתו ווייל דאס פאדערט זיך אסאך חכמה און מען דארף זיין א גרויסער תלמיד חכם כלשון חז"ל 'תקיעת שופר ורדיית הפת חכמה ואינה מלאכה').

קומט אויס אז אידישע קינדער האבן דעמאלטס געטון **אַ פעולה קטנה שבקטנה**, ממש א קליינטשיגע פעולה וואס איז בכלל נישט געווען שווער.

יעצט לאמיר זען וואס עס שטייט אין פרקי דרבי אליעזר וואס איז געווען די פירות פון די דאזיגע קליינע פעולה.

דעם לשון פון פרקי דרבי אליעזר איז אזוי: "**והקדוש ברוך הוא נתעלה באותו שופר**" - כביכול דער אייבערשטער איז נתעלה געווארן דורך יענעם שופר, "**שנאמר: עָלָה אֱלֹקִים בִּתְרוּעָה**". דער אייבערשטער איז נתעלה געווארן מיט יענעם שופר!

עס שטייט דא א מורא'דיגע זאך: די דאזיגע קליינע פעולה, וואס איז נישט געווען קיין חוב, נישט קיין מצות עשה, און בכלל נישט קיין שווערע זאך... נאָר וויבאלד מען האט געטון א פעולה כל-שהוא כדי מען זאל זיך נישט טועה זיין נאכאמאל אזוי ווי ביים ערשטן מאל ווען משה רבינו האט אראפגעברענגט די לוחות הראשונות - **האט די דאזיגע קליינע פעולה אויפגעטון אותות ומופתים, די קליינע פעולה וואס א אידיש קינד טוט האט אזא מין כח אין די עולמות עליונים, אז דער אייבערשטער כביכול איז נתעלה געווארן באותו שופר!**

לאמיר גיין ווייטער. עס קומט דער פרקי דרבי אליעזר, דער טור און דער רא"ש, און זיי זאגן אזוי: "**לכן התקינו חכמינו ז"ל שיתקעו בראש חודש אלול בכל שנה ושנה**".

א פחד פון א זאך! אידישע קינדער האבן דעמאלטס געטון א קליינע פעולה וואס איז נישט געווען קיין מצוה און נישט קיין חוב, און בכלל נישט קיין שווערע זאך, און דורך דעם איז געווארן אזא עת רצון אויבן אין הימל.

דער עת רצון האט גורם געווען: די אלע אלע זאכן וואס מיר האבן פריער דערמאנט, די לוחות שניות, י"ג מידות של רחמים, וכו' וכו'... נורא נוראות!

### התעוררות רחמים לדורות עולם

נאך מער. חז"ל זאגן אונז יעצט אז עס איז געווארן אזא עת רצון, **וואס איז געבליבן לדורות עולם**.

ממילא ווילן מיר בלאזן שופר יעדן טאג - כאטש א גאנץ חודש אלול צו בלאזן שופר איז נישט קיין חיוב, נישט קיין מצוה, און עס איז א קליינע פעולה וואס איז בכלל נישט שווער צו טון נאכן דאווענען.

פונדעסטוועגן ווייל איך אז דו זאלסט בלאזן, ווייל איך וויל דו זאלסט פארשטיין, כאַפּן און מרגיש זיין וואס דא טוט זיך אין דעם חודש אלול: **אז די קליינע פעולה פון תקיעת שופר האט מעורר געווען רחמים, אזוי ווייט אז דער גאנצער דור המדבר איז געראטעוועט געווארן, מיר האבן זוכה געווען צו די לוחות שניות, און נישט נאר דאס, נאָר ביזן היינטיגן טאג איז דער גאנצער חודש אלול א צייט פון ימי הרחמים והרצון צוליב יענער קליינער פעולה.**

חז"ל ווילן אונז דא מגלה זיין א מורא'דיגע זאך:

ווען א אידיש קינד קומט אריין אין חודש אלול און מיינט אז ער גייט זיך נעמען א קליינטשיגע זאך, ווי קומען פריער צום דאווענען, זיך מאכן א קבלה אויף לשון הרע, לערנען מער בהתמדה, אדער זיך נעמען צו שמירת עינים, וכו', זאלסטו וויסן אז יעדע קליינטשיגע זאך וואס דו גייסט טון איז נישט סתם **פשוט**. ווייל די י"ג מדות של רחמים זענען דעמאלטס נתעורר געווארן, **פון א קליינע פשוט'ע תקיעת שופר**, און דאס ציט זיך עד סוף כל הדורות.

עד כדי כך, אז עס קומען די אנדערע ראשונים, ווי **רבי האי גאון**, און ער ברענגט אז עס איז געווען א מנהג ביי אחינו בני ישראל הספרדים ביז'ן היינטיגן טאג, אז זיי פאַנגן שוין אָן צו זאגן סליחות פון אנהייב חודש, אין ביי אונז אשכנזים האבן מתקן געווען מען זאל בלאזן שופר א גאנץ חודש אלול, ווייל דאס בלאזן שופר טוט אויף מורא'דיגע זאכן.

און הגם ביי די אשכנזים זאגט מען נישט קיין סליחות דעם גאנצן חודש איז מען מוסיף באמירת תהלים און מען זאגט דער קאפיטל פון 'לדוד ה' אורי'. **דאס אלעס קומט אונז צו ווייזן די חשיבות פון א קליינטשיגע פעולה פון א אידיש קינד.**

### דער מעשה פון רבי ר' אלימלך זי"ע: די פחד החיצונים פונעם שופר

הרה"ק **רבי יאנקעלע פשעווארסקער** זי"ע ברענגט נאך פון זיין גרויסן שווער הרה"ק **רבי איציקל** זי"ע, וואס ער האט מקבל געווען איש מפי איש ממש פון די בעלי מעשה, איבער די גרויסקייט פון תקיעת שופר אין חודש אלול. און פון דעם קען מען מאכן א קל וחומר ובן בנו של קל וחומר, אז ווען א איד מאכט א קבלה אויף לערנען, אויף דאווענען, אויף שמירת עינים אדער שמירת הלשון, קען מען זיך פארשטעלן ווי ווייט עס טרייסלט אויף אלע עולמות.

עס איז באקאנט א מעשה וואס דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** זי"ע

האט מעיד געווען. עס איז געווען א פרוי וואס איז נעבעך געווען אַן עגונה א לאנגע צייט. איינמאל איז זי איינגעשטאנען ביי איר חבר'טע, וואס איז געווען א משרתת אין די הויז פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך. די פרוי האט זיך אויסגערעדט איר ביטער הארץ, האט די חבר'טע איר געזאגט: "דו ווייסט נישט אז עס איז דא אזא לעכטיגקייט אויף דער וועלט? דער הייליגער רבי ר' אלימלך איז דא! גיי צו אים און דו וועסט געהאלפן ווערן!" אומר ועושה, מיט א גאנצע תמימות און אמונת צדיקים, איז זי געפאָרן צום הייליגן רבי ר' אלימלך.

ווי נאָר זי איז אנגעקומען, האט איר דער רבי ר' אלימלך געגעבן א כתב און געזאגט: "גיי צו יענעם וואלד נעבן ליזענסק, דארט וועסטו זען א קליינטשיג הייזקעלע. גיי אריין אינעווייניג, געב איבער דעם כתב פאר די מענטשן וואס געפינען זיך דארט, און זיי וועלן דיר שוין צוריקגעבן דיין מאן".

דער פשט איז געווען, אז אין יענע צייטן האבן די 'חיצונים' געהאט א שליטה אין די וועלדער און פלעגן צוכאַפּן מענטשן וואס זענען נישט געווען גענוג ערליך, און מען האט זיי מער נישט געזען. דורך דעם כח פון די צדיקים, וואס האבן משביע געווען די חיצונים אדער געטון אנדערע פעולות, האבן די חיצונים מורא געהאט און צוריקגעגעבן די פארכאפטע מענטשן. דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט יעצט געשיקט א בריוו מיט דער פרוי צו די חיצונים אין וואלד, זיי זאלן באפרייען איר מאן. זי איז געגאנגען מיט א פולע אמונה פשוטה ביז זי איז אנגעקומען צום הייזקעלע.

ווען זי איז אנגעקומען האט זי געזען אז עס איז ליידיג, האט זי דארט געווארט. פלוצלינג איז אנגעקומען א קבוצה, און זי איז צוגעגאנגען מיט איר גאנצע תמימות און זיי איבערגעגעבן דעם בריוו. זיי זענען אריינגעגאנגען אין אן אינערליכן צימער לייענען דעם בריוו, און זי האט געהערט ווי עס פירט זיך דארט א גאנצע ויכוח צווישן זיי. טייל האבן געזאגט מען זאל יא פאלגן און טייל האבן געזאגט ניין. זיי האבן אנגעהויבן טענה'ן: "ווער האט געשטעלט דעם רבי ר' אלימלך אלס א שופט איבער אונז?"

למעשה האט דער הויפט געגעראל פון די חיצונים געזאגט אז **"ער ציטערט אימת מות פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך..."** און ער האט באפוילן מען מוז אים צוריקגעבן. **ענדליך האבן זיי איר צוריקגעגעבן איר מאן.**

ווען זי האט באקומען איר מאן, איז ער געווען אינגאנצן מגודל און זיין אויסזען איז געווען שרעקליך, אבער ער איז ברוך ה' צוריק אהיים. שפעטער האט דער מאן אליין דערציילט וואס דארט איז פארגעקומען. ער האט געזאגט:

**"איך געדענק גארנישט, אבער איין זאך געדענק איך יא: חודש אלול, ווען די אידישע קינדער גייען אין בית המדרש נאכן דאווענען און בלאזן שופר, כאפט די חיצונים אן אזא פחד וואס מען קען זיך נישט פאָרשטעלן!..."**

## די חשיבות פון קבלות אום חודש אלול

**לאמיר מאכן א חשבון:** דאס בלאזן שופר אין מדבר איז נישט געווען קיין חובה אדער א מצוה, עס איז בלויז געווען א קליינע פעולה וואס איז בכלל נישט שווער. דאך האט דאס מעורר געווען אזוי פיל רחמים אז מיר האבן באקומען די י"ג מדות, די לוחות שניות, און דעם 'סלחתי כדברך' פון יום כיפור. נישט נאָר דאס, נאָר עס האט גורם געווען אז ביז'ן היינטיגן טאג האבן מיר די ימי הרחמים והרצון.

און יעצט זעען מיר אז די פעולה וואס מיר טוען היינט, ווען מיר קומען אריין אין בית המדרש און בלאזן שופר נאכן דאווענען - וואס איז נישט קיין מצוה דאורייתא אדער א חוב, נאָר א מנהג און א קליינע פעולה וואס דויערט בסך הכל פינף און צוואנציג סעקונדעס - האט אזא כח אויבן אין הימל אז די חיצונים ציטערן דערפון.

**איז דאך א קל וחומר, בן בנו של קל וחומר:**

ווען א אידיש קינד קומט אין חודש אלול און מאכט א קבלה, ער קומט עטליכע מינוט פריער צום דאווענען, ער לייגט אריין מער כוונה, אדער ער נעמט זיך אונטער נישט צו שמועסן פון אנהייב דאווענען ביז נאך עלינו; אדער ער איז זיך מקבל אז די ערשטע פופצן-צוואנציג מינוט וואס ער זעצט זיך לערנען מיט זיין חברותא ווערט ער נישט איבערגעהאקט פאר קיין שום זאך, אדער ער היט די אויגן מיט מסירות נפש ווען ער גייט ארויס אין גאס, אדער ער נעמט זיך אונטער א האלבע שעה א טאג נישט צו רעדן קיין לשון הרע אדער רכילות פאר קיין שום פרייז - **דעמאלטס ווערן די חיצונים זיכער פאַרציטערט!**

און בעזה"י וועלן מיר אלע זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר!

**די רייכע היסטאריע פונעם עיה"ק 'טבריא של מעלה', א בליק אויף די צדיקים וואס האבן באלאכטן דעם ישוב, און די קדושי עליון וואס זענען דארט נטמן געווארן**

# א שבת אין טבריא של מעלה מיט די געהויבענע סלאנימער חבריא

## הקדמה - חלק ג'

### הקדמה

בעזה"י, מיר זענען ממשיך א שבת אין "טבריא של מעלה" מיט די הייליגע סלאנימער חבריא, הקדמה - חלק ג'.

ווען מיר גייען אריין אין דעם הייליגן מקום קדוש, דעם "כולל רייסין", דעם בית המדרש וואו די הייליגע סלאנימער חבריא האבן אנגעפירט מיט זייער גרויסע עבודה, איז כדאי מיר זאלן קענען אנכאפן א שטיקל באגריף און א שטיקל השגה פון וואס מ'רעדט דא, דארף מען מקדים זיין עטליכע מעשיות כדי מיר זאלן קענען פארשטיין פון וועלכע ענקי רוח מ'רעדט דא.

**רבי ישראל שמעון קאסטעלאניץ,** דער בעל 'מזקנים אתבוננן', איז געווען אן אייניקל פון רבי יודא לייב, דער ארי שבחבורה, און ער האט אים משמש געווען. ער האט אויך משמש געווען די אלע זקנים און זוכה געווען צו זען די אריות שבחבורה: רבי הערש מעכל, רבי לעזשאַר, און זיין זיידע רבי יודא לייב. ווער רעדט נאך פון זיין פעטער רבי מאטל סלאנימער וואס איז געווען זיין רבי, און ער איז אויפגעצויגן געווארן ביי אים אין שטוב. ער איז דאך געווען חברים מיט די אלע 'לייבן', מיט רבי מתתיהו לוריא, רבי אהרן יוסף, רבי מענדל וועג, און מיט די אלע גרויסע מענטשן דארטן.

### די מסירות נפש פון די אמאָליגע חסידים צו פאָרן צום רבי'ן

עס איז געווען א צייט וואס רבי ישראל שמעון איז געפאָרן קיין חוץ לארץ זיך מסתופף צו זיין בצילא דמהימנותא פון דעם לפיד האש, דער הייליגער **בית אברהם** זי"ע. (כידוע האט דער הייליגער **בעלזער רב** זי"ע געזאגט אויפ'ן בית אברהם אז **ער איז געווען א פלאם פייער**, און ווי באקאנט האט זיך דער בעלזער רב נישט געווארפן מיט קיין טיטלען).

עס איז דעמאלטס געווען איינגעפירט ביי די חסידים אז מ'פלעגט פאָרן אויף נסיעות פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ צו די רבי'ס.

הגם מ'דארף דא באטאנען, אז א נסיעה האט געמיינט 'מסירות נפש' כפשוטו ממש. מ'האט פארקויפט די צירונג פון די רעבעצין, און די עצם וועג אליין איז געווען שווער. ס'איז נישט געווען קיין כשר'ס אויפ'ן וועג צו קויפן. מ'איז דורכגעגאנגען מדבריות, ימים און וועלדער, מ'איז דורכגעגאנגען ממש מצבים פון מסירות נפש און פיקוח נפש ביז מ'איז אנגעקומען צום רבי'ן. **אבער דאס זענען געווען חסידים פון אמאל, עס האט זיך אלעמאל געלוינט צו פאָרן א נסיעה צום רבי'ן.**

### רבי נפתלי - דער 'מעין דשופרא' פון די זקנים

ווען רבי ישראל שמעון איז געווען ביים הייליגן בית אברהם, איז דאס שוין געווען נאכדעם וואס די זקנים אין טבריא האבן שוין נישט געלעבט - זיין זיידע רבי יודא לייב איז שוין נישט געווען אויף דער וועלט, רבי הערש מיכל, רבי לעזשאַר, די אלע זקנים זענען שוין געווען בעולם האמת.

האט רבי ישראל שמעון געפרעגט דעם בית אברהם צי אין חוץ לארץ איז געבליבן עפעס א משהו פון די זקני חסידים אזוי ווי אין טבריא.

האט דער הייליגער בית אברהם געזאגט: **"אה, רבי משה'ן האסטו געקענט?"** ער האט געמיינט **רבי משה מידנער**, אבער ס'איז שוין געווען נאך זיין פטירה. האט ער געזאגט: **"אה, ס'איז נישטא מער".**

נאכדעם האט ער זיך אנגערופן: **"נפתלי נאך אביסל".** דאס טייטש, רבי נפתלי איז נאך געבליבן א מעין דשופרא פון די זקנים פון טבריא של מעלה.

לאמיר זען דעם 'מעין דשופרא' פון די זקנים פון טבריא של מעלה, **רבי נפתלי** און זיין עבודת הקודש, און מיר וועלן דעמאלטס אנהייבן צו פארשטיין אז דאס איז נאָר געווען א 'מעין' וואס איז געווען ביי די זקנים פון טבריא.

### די אויסערגעוויינ'לעכע עבודה און פרישות פון רבי נפתלי

דער פאלגענדע סיפור ווערט אראפגעברענגט אין אסאך פלעצער. רבי יאשע בער קאסטעל האט עס פארציילט, רבי שמעון קאסטעלאניץ, ועוד. ס'איז דא כמה גרסאות אין די פונקטליכקייט פון יעדע קנייטש פון די מעשה, אבער על צד השוה איז דער עיקר פון די מעשה די זעלבע.

רבי נפתלי איז געזעסן און געלערנט אין בית המדרש ווי א פָּרוּש יומם ולילה, פון שבת צו שבת. דאס איז געווען זיין פלאץ. געשלאפן האט ער אין ווייבער שול, ער האט געהאט א בעטעלע דארט, אויב מ'קען עס אנרופן א 'בעט'... דארטן האט ער געגעסן זיינע סעודות, און אין בית המדרש איז ער געזעסן און געלערנט יומם ולילה. דאס איז אזוי געגאנגען משבת לשבת.

און אפילו ער איז געווען אזא פרוש און אזא עובד, האבן די חסידים פלעגן זאגן אויף אים **"צהלתו בפניו"**. ער איז תמיד געווען מיט א שמייכל, ער איז געווען אויפגעמונטערט און אויפגעראמט, **ווי די פארצייטישע**

**חסידים, פון איין זייט זענען זיי געווען די גרעסטע עובדי ה', אבער פון די אנדערע זייט האט זיך געגאסן פון אים די שמחה און די אהבת חברים.**

## דער סוד פונעם פלאם פייער ביים דאווענען 'הודו'

איינע פון רבי נפתלי'ס גרויסע עבודות וואס איז געווען בולט באתגליא, איז געווען זיין **תפילה בהתלהבות עצומה**. די השתפכות הנפש וויאזוי ער האט געדאווענט איז געווען עפעס א זאך וואס איז געווען בלתי מציאות'דיג. נישט נאָר דאס, נאָר "הבערה ללהב יצאת", זיין פייער האט אנגעפלאקערט דעם גאנצן בית המדרש. ווען רבי נפתלי האט אנגעהויבן צו דאווענען, איז דער גאנצער עולם מיטגעגאנגען.

עד כדי כך, ווען עס איז געקומען פרייטאג צונאכטס ביי 'הודו', **ווען רבי נפתלי האט אנגעהויבן זאגן הודו, איז געווען אזא שטיק פייער אז דער גאנצער בית המדרש האט מיטגענומען מיט אים**, און פון דארטן און ווייטער איז די תפילה געגאנגען מעלה מעלה.

איינמאל איז רבי יאשע בער צוגעגאנגען צו רבי נפתלי און אים געפרעגט: **"פון וואו נעמסטו דעם פייער? עס קומט הודו און דו פאנגסט אן אזוי צו ברענען, עד כדי כך אז די אש פלאקערט אָן דעם גאנצן בית המדרש... דאס איז עפעס א העכערע כח, א כח שלא מעלמא הדין. פון וואו קומט צו דיר אזא כח?"**

ווי מיר האבן שוין מסביר געווען, איז רבי נפתלי געווען א מורא'דיגער 'עניו' און א געשמאקער מענטש. האט רבי נפתלי געענטפערט אזוי:

דו ווייסט דאך אז איך רייניג אויס דעם בית המדרש יעדע ערב שבת. בשעת איך רייניג אויס דעם בית המדרש זאמלט זיך אָן אסאך שטויב, עס גייט אריין אין מיין מויל און איך ווער אויסגעטרוקנט. בטבע הדברים גייט מען טרינקען וואסער, אבער איך האלט מיך איין פון טרינקען וואסער און איך זאג: **'רבונו של עולם, די תאוה פון טרינקען וואסער וויל איך אריינלייגן אין דעם הודו'!**

נאכדעם, זאגט ער ווייטער, עס איך 'טועמיה'. וואס עסט מען פאר טועמיה? א שטיקל הערינג, א געזאלצענעם הערינג. פארשטייט זיך אז נאכדעם בין איך מורא'דיג דארשטיג, אבער איך טרינק נישט קיין וואסער און איך זאג: **'רבונו של עולם, דעם דארשט וויל איך אריינלייגן אין דעם הודו. דעם תענוג וואס איך האב געדארפט האבן יעצט פון דעם טרינקען וואסער, וויל איך האבן אין דעם הודו'!**

נאכדעם, גיי איך אין מקוה. די מקוה איז געווען א הייסע מקוה מיט א פאַרעך דארטן וואו מ'האט עס אנגעהייצט. ווען איך קום ארויס פון די מקוה בין איך אזוי דארשטיג און עס ווילט זיך שטארק טרינקען וואסער. זאג איך: **'רבונו של עולם, דעם דארשט פון טרינקען וואסער זאל אריינגיין אין הודו, און דעם תענוג וואס איך האב געדארפט האבן מיט דעם טרינקען וואסער זאל גיין אין דעם הודו אריין'!**

האט רבי נפתלי ממשיך געווען און געזאגט: **"דו קענסט דיך שוין פארשטעלן, ווען עס קומט הודו, דעמאלטס מיין גאנצע כח הצמאון, אלעס לייג איך אריין אין דעם הודו, און פון הימל שיקט מען מיר אראפ אזעלכע תענוגים, אזא מין פייער, אזא מין אהבה דקדושה! און פון דארטן ווערט עס אריבערגעפירט, אזוי אז דער גאנצער בית המדרש פלאקערט מיט!..."**

דאס איז געווען רבי נפתלי, וואס דער בית אברהם האט געזאגט פאר רבי ישראל שמעון אז ער איז נאָר א 'מעין' פון די זקנים פון טבריא של מעלה. קען מען זיך שוין פארשטעלן וואס עס האט זיך אָפּגעטון ביי די זקנים אליין...

## די התקרבות פון רבי נפתלי: ווי אזוי איין 'ברוך שאמר' האט געטוישט א לעבן

אז מען רעדט שוין פון רבי נפתלי, וואס ווי מיר האבן שוין געשמועסט איז ער בלויז געווען א 'מעין' פון פון די זקנים פון טבריא של מעלה, דארף מען דערציילן וויאזוי רבי נפתלי איז געווארן א חסיד פונעם יסוד העבודה.

רבי ישראל שמעון דערציילט: ווען איך בין געווען ביי רבי נפתלי - ער איז דעמאלטס שוין געווען א זקן ושבע ימים - בין איך געבליבן ביי אים צוויי וואכן, און איך האב מקבל געווען פון אים פילע סיפורים מיט יסודות אין חסידות. האב איך אים דאַן געפרעגט: **"ווי אזוי ביסטו נתקרב געווארן צום יסוד העבודה?"**

האט ער אים דערציילט א מעשה הפלא ופלא. ער זאגט, אז ווען ער איז געווען צעיר לימים, א יונגערמאן, האט ער געוואוינט אין סלאנים, אבער ער איז נישט געווען פון די חסידים. ער איז גאָר געווען פון די מתנגדים אין שטאט און פלעגט דאווענען ביי די אשכנזים.

איין יאר ראש השנה איז ער אויפגעשטאנען אביסל שפעט, און ביי די אשכנזים האט מען שוין געהאלטן טיף אינמיטן דאווענען. זאגט ער: "איך האב שוין נישט געקענט אריינגיין דאווענען אין זייער בית המדרש. האב איך געטראכט צו זיך: ווייסטו וואס? איך וועל גיין צו די חסידים, צום הייליגן יסוד העבודה, ווייל דארט דאווענט מען אביסל שפעטער".

איז ער געגאנגען צו דער בית המדרש פון הייליגן יסוד עבודה דאווענען מיט די חבריא קדישא. אבער דא האט פאסירט א מעשה נורא, ווען מען איז אנגעקומען צו 'ברוך שאמר', האט ער געהערט ווי דער הייליגער רבי, דער יסוד העבודה, גיט א געשריי מיט זיין הייליגן נוסח:

**"ברוך שאמר והיה העולם!"**

דאס האט אים אזוי געכאפט און דורכגענומען, ער איז אזוי נתעורר געווארן, אז ער האט באלד מחליט געווען: **"דא בלייב איך!"** און פון דעמאלטס אָן איז ער געווארן א חסיד פונעם יסוד העבודה.

נישט נאָר דאס, נאָר ער האט דעמאלטס מחליט געווען אז ער גייט נישט בלויז לערנען דורכ'ן טאג אלס כולל יונגערמאן, נאָר ער גייט בלייבן אין בית המדרש משבת לשבת. ער האט אינגאנצן אָפּגעלאזט אלע הבלי עולם הזה.

**מען דארף גוט פארשטיין די מעשה, עס איז דאך חובקת זרועות עולם! פון הערן בלויז פיר ווערטער - "ברוך שאמר והיה העולם" - לאזט א מענטש איבער אלע הבלי עולם הזה און ווערט א פרוש משבת לשבת! דאס זענען געווען די אמאליגע חסידים!**

און דאס איז, ווי דער בית אברהם האט געזאגט, בלויז געווען א 'מעין' פון טבריא של מעלה. נו, קען מען זיך שוין פארשטעלן וויאזוי עס האט אויסגעקוקט די טבריא של מעלה אליינס, א דאווענען אינמיטן א וואך, וכל שכן שבת קודש...

## דער דביקות פונעם חסיד רבי דוד מרדכי הארדאקער

דעמאלטס איז רבי ישראל שמעון געגאנגען זען נאך א חסיד, וואס מיר האבן שוין דערמאנט אז זיי זענען בלויז געווען א 'מעין' פון טבריא של מעלה. מען האט אים געזאגט אז עס לעבט נאך דער חסיד **רבי דוד מרדכי פון הארדאק**.

רבי ישראל שמעון האט זיך זייער געפרייט, ווייל ער האט פילע מאל געהערט פון זיין פעטער רבי מאטל גאר גרויסע הפלגות אויף רבי דוד מרדכי פון הארדאק. ער האט געטראכט צו זיך: "איך מוז אים קענען, אז דער פעטער רבי מאטל רעדט אזוי שטארק פון אים, מוז מען אים גיין באזוכן". איז ער געפאָרן קיין הארדאק.

ווען ער איז אנגעקומען דארט איז געווען ערב שבת, אבער ער האט געוואלט כאַפן ווער ער איז און דערגריין זיין אמת'ע מדרגה, דעריבער האט ער קיינעם נישט געפרעגט ווער רבי דוד מרדכי איז. ער האט מחליט געווען אז ער וויל אליינס דערטאַפן ווער ער איז.

ער איז ארומגעגאנגען אהער און אהין ביים דאווענען, ביז פלוצלינג, זעט ער א איד שטייט ביים פענסטער, אנגעלאנט אויף זיין האנט, און ער זינגט מיט דביקות דעם ניגון: "**מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה...**" - א ניגון וואס רבי הערשלע הארדאקער האט מחבר געווען. עס האבן זיך געגאסן טייכן טרערן פון דעם איד. האט רבי ישראל שמעון געזאגט: "**אה, דאס איז זיכער רבי דוד מרדכי!**" ער האט טאקע גוט צוגעטראָפן, דאס איז געווען רבי דוד מרדכי.

## די הייליגע ספרים און כתבים וואס האבן פאראייביגט די עבודה

לאמיר דא צוריקגיין קיין 'טבריא של מעלה'. דאס איז די הקדמה פון די אידן שרפי מעלה, וואס דער בית אברהם האט געזאגט אז דאס איז א 'מעין' פון טבריא של מעלה.

רבי מאטל האט געזאגט פאר זיין פלומעניק רבי ישראל שמעון, אז ביי די זקנים פון טבריא - ביי זיין פאטער רבי יודא לייב, ביי רבי לעזשאַר, און ביי רבי הערש מעכל - איז דאס לערנען און דאס דאווענען געווען איין זאך. דאס הייסט, אז **די יגיעה, דאס פייער און דער ברען זענען ביי ביידע געווען שוה בשוה**.

אצינד, ווען מיר טרעטן אריין אין אזא הייליג פלאץ, דארפן מיר דאנקען דעם אייבערשטן וואס האט אונז איבערגעלאזט די זקנים וואס האבן איבערדערציילט די מעשיות: רבי מאטל סלאנימער, דער ברכת אברהם, דער נתיבות שלום, רבי מענדל וועג, רבי מתתיהו לוריא, און רבי אהרן יוסף. די אלע וואס האבן איבערגעלאזט און פארשריבן די סיפורים פון די זקנים פון די חבריא.

רבי ישראל שמעון קאסטילאניץ האט פארשריבן, און איבערגעלאזט פאר אונז די באקאנטע ספרים 'מזקנים אתבונן'. עס זענען דא נאך חסידים וואס האבן פארשריבן סיפורים והנהגות, ווי די ספרים 'ויהי אור', 'אשרי האיש', 'רון שיר ושבח', 'איש סחו אחריו', און נאך. מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז דאס אלץ פון די חסידים ואנשי מעלה איז געבליבן בכתב.

**"של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא!"**

מיר גייען יעצט אריין אין די קדושה פון שבת קודש אין טבריא של מעלה, 'הדרא דלא אפשר למפרט בשפוותא' וואס האט זיך דארט אלץ אפגעטון.

**אוי אוי קה אכסוף נועם שבת!...**




פרישט אויף אייער טאג
מיט א חיזוק שיעור פון בלוין

2 מינוט

דריקט נומבער "0" פון די מעין מעניו

שיעורים דורך אויס די וואך:

זונטאג
מאמר הפרשה

מאנטאג
חובת הלבבות

דינסטאג
טבריא של מעלה

מיטוואך
אוצר הידיעות

דאנערשטאג
יאהרצייטן

פרייטאג
אור של שב"ק

מוצאי שבת
מלוה מלכה

פרדס התורה

קול פרדס התורה
718.506.9694

SQUARE